**גאווערנער קעטי האקול** **איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2023

**גאווערנער האקול אנאנסירט 2024 ניו יארק סטעיט פארקס הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש**

***פייערט די 100'סטע יארטאג פון די סטעיט פארק סיסטעם דורכן אנטיילנעמען אין א רייע אקטיוויטעטן און פראגראמען***

***אנטיילנעמער קענען באקומען א סטיקער פאר אן אנדענק און א טשאנס צו געווינען 'עמפייער פאסן'***

***[זעהט הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש ווידעאו](#) צו לערנען וויאזוי עס ארבעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א פייערליכע טשעלענדזש וואס וועט זיך ציהען פאר א גאנצע יאר אין וועלכע אלע ניו יארק סטעיט איינוואוינער און באזיכער קענען זיך באטייליגן צוצו אנדעקן אונזערע סטעיט פארקס, לערנען איבער ניו יארקע היסטאריע און צוריקגעבן פאר ניו יארק סטעיט פארקס פאר דעם קומענדיגן דור פון אוואנטוריסטן. באשטימט זיך צו אנהויבן אום יאנואר 1, 2024, רעכנט די ניו יארק סטעיט פארקס הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש אריין 100 'מיסיעס' וואס קענען דורכגעפירט ווערן ביי פארשידענע סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער. אנטיילנעמער וועלן דארפן דורכפירן 24 מיסיעס דורכאויס 2024 צו ענדיגן די טשעלענדזש.

"עס איז דא אסאך צו טוהן אינערהאלב אונזער ריזיגע סטעיט פארק סיסטעם, און די הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש איז א געוואלדיגע וועג צו באקענען ניו יארקער און באזיכער צוגלייך מיט אונזערע היסטארישע און באאיינדרוקספולע שטחים פאר 2024'ס 100'סטע יארטאג פייערונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער פארק סיסטעם איז א געוואלדיגע פלאץ צו באזוכן א גאנץ יאר, און די הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש איז א געוואלדיגע אקטיוויטעט פאר אלע וועלכע נעמען זיך אונטער צו האבן א הנאה'דיגן און אוואנטוריסטיש נייעם יאר."

די [הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש](#) איז טייל פון א יאר-לאנגע פייערונג פון די 100'סטע יארטאג פון די גרונדונג פון ניו יארק'ס סטעיט-ברייטע פארקס און היסטארישע ערטער סיסטעם. די פייערונג וועט סיי פארשטעלן און סיי ארויפבויען אויף איינס פון ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע ענווייראמענטאלע לעגענדעס. אין 1924 האבן גאווערנער אלפרעד אי. סמיט און די סטעיט לעגיסלאטור אוועקגעשטעלט די [ניו יארק סטעיט קאונסיל אָוו פארקס](#), אין די צייט וואס ווילער האבן באשטעטיגט א 15 מיליאן דאלארדיגער באָנד געזעץ צו אויפבויען און פארגרעסערן א נעטווארק פון סטעיט פארקס, אוועקשטעלנדיג די ניו יארק סטעיט פארק און היסטארישע ערטער סיסטעם וואס ניו יארק סטעיט איינוואוינער און באזיכער קענען און האלטן טייער היינטיגע צייטן.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "די הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש איז א וואונדערבארע געלעגנהייט צו באקומען די איבערלעבעניש פון די

אומפארגלייכליכע געלעגנהייטן פאר דרויסנדיגע פארווייַלונג, קולטור און חינוך וואס זענען דא אין די ניו יארק סטעיט פארק סיסטעם. איר האט שוין מעגליך א באליבטע פארק אדער א באליבטע אקטיוויטעט, אבער עס איז דא מער פאר יעדן איינעם צו זעהן און טוהן — זאל דאס זיין לאקאל אדער ארום די סטעיט. איך מוטיג איינוואוינער און באזיכער צוגלייך צו נעמען אויף זיך די טשעלענדזש צו אנטדעקן נייע און באגייסטערנדע וועגן צו געניסן פון די געוואלדיגע פלעצער."

די טשעלענדזש איז אויסגעשטעלט צו קענען דורכגעפירט ווערן דורך מענטשן מיט אדער אן באגרעניצונגען, און זיי קענען פארענדיגט ווערן דורכן באזוכן פארקס און היסטארישע ערטער אריבער די סטעיט אדער מיטן זיך האלטן מיט איין וואס איז נאענט צו איינעם אינדערהיים.

עטליכע ביישפילן פון [הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש](#) "מיסיעס" רעכענען אריין:

- גייט קעמפינג ביי איינס פון די איבער 8,500 קעמפינג פלעצער
- באזוכט א סטעיט פארק אדער היסטארישע ארט וואס איז "ניי פאר אייך" און ברענגט א פיקניק
- פאקט איין אייערע סקעיטס און גייט סקעיטינג ביי איינס פון די סטעיט פארקס'ס אייז רינקס
- רעדט צו א וועגווייזער איבער די היסטאריע פון א סטעיט היסטארישע ארט
- שליסט זיך אן אין א וואלונטיר געשעעניש
- לערנט די פריניציפן פון נישט איבערלאזן קיינע שפורן (Leave No Trace) אויף דרויסנדיגע שטחים און זיך אויפפירן לויט די פרינציפן ביי אייער קומענדיגע באזוך

אנטיילנעמער ווערן דארפן דורכפירן 24 מיסיעס (פארדינען 24 פונקטן) דורכאויס 2024 צו ענדיגן די טשעלענדזש. די וועלכע פארענדיגן עס וועלן באקומען א הונדערטסטע יארטאג סטיקער פאר אן אנדענק, און דערמיט וועלן זיי אריינגעלייגט ווערן אין א גורל פאר א 'פראמאָושענעל' געשאנק וואו 24 מזל'דיגע אנטיילנעמער וועלן געוואונען א דריי-יאריגע [עמפייער פאס](#) און קליידונג פון די הונדערטסטע יארטאג. פאר יעדע 10 צוגעלייגטע פונקטן וועלן אנטיילנעמער באקומען נאך אן איינגאנג צו די גורל. די גורל וועט פארקומען אין די וואך פון יאנואר 13, 2025. מענטשן וועלן קענען אריינגעבן זייער נאמען פאר די גורל (דורך די פאסט אדער דורך די Goosechase עפּ) ביז יאנואר 10, 2025.

**וויאזוי עס ארבעט**
אנטיילנעמער קענען אנהויבן מיטן דאַונלאָודען אן עפּ אויף זייער טעלעפאן אדער דורכן אויספילן א פאפירענע בויגן.

Goosechase עפּ

- אנטיילנעמער קענען אננעמען די טשעלענדזש וואו אימער זיי זענען דורכן דאַונלאָודען די Goosechase עפּ אויף זייער טעלעפאן פון די [אייפאָון](#) אדער [ענדרויד](#) עפּ סטאָר
- זוכט פאר "NY State Parks Centennial Challenge" (ניו יארק סטעיט פארקס הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש) זיך צו אנשליסן
- איינמאל זיי זענען אנגעשלאסן, קענען אנטיילנעמער זאמלען פונקטן דורכן אויספירן 'מיסיעס' אין די עפּ דורכן נעמען און ארויפלייגן בילדער אדער ווידעאוס אדער דורכן ענטפערן אויף א פראגע

טשעקליסטע

- א פאפירענע טשעקליסטע קען דאַונלאָודעד ווערן אויף אונזער הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש וועבזייטל און ארויסגעדרוקט ווערן אינדערהיים אדער קען עס אפגענומען ווערן פון אייער לאקאלע סטעיט פארק אדער היסטארישע ארט
- זאמלט פונקטן דורכן אריינפילן 'מיסיעס' אויף די ליסטע און אריינשיקן די טשעקליסטע דורך די פאסט נאך אנטיילנעמער האבן פארדינט 24 פונקטן

פאר מער אינפארמאציע איבער די ניו יארק סטעיט פארקס הונדערטסטע יארטאג, באזוכט https://www.parks.ny.gov/100/challenge.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, Twitter און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן